# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשת **ויחי - שמות** תשפ"ד ◆ עלון מס': **129**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### אָן 'בלי עין הרע'

פון די זאצן וואס זענען זייער שטארק איינגעווארצעלט ביי דעם ציבור איז דער זאץ פון 'בלי עין הרע'.

ביי אסאך שמועסן אדער באגריסונגען וועט מען הערן דעם זאץ. עס קומט אריין אין פארשידענארטיגע נושאים, עס קען זיין סיי ווען דער מענטש אליין האט געהאט א הצלחה, ער האט פארדינט אסאך געלט, אדער געענדיגט א מסכתא, אדער האט ער א געלונגענער קינד און אלע לויבן אים אויס, אדער גאר ווען ער רעדט וועגן א צווייטן, ווען ער ריהמט אויס דעם צווייטן אז ער איז מצליח, אז עס גייט אים גוט.

די כוונה מיט'ן עס זאגן אין אלע ערליי פעלער איז אז עס זאל חלילה נישט שאטן א שלעכט אויג אויף די הצלחה וואס 'ער' אדער א 'צווייטער' האט געהאט, ווייל ער האט מורא אז דער עין הרע וועט שאדן מאכן די הצלחה, אבער ווען מען קוקט עס אן מיט א בליק פון א בעל בטחון - צי האט דער פחד א גרונד אדער נישט.

ווען מען קוקט אריין אין די גמרא זעט מען אז עס איז דא אזא זאך ווי א היזק ראיה. א מענטש האט א כח אריינצוגעבן א שלעכט אויג אין די געשעפטן פון א צווייטן, אבער וואס טוט זיך ווען עס קומט צו אים אליין, ווען ער האט מורא אז א שלעכט אויג וועט קאליע מאכן זיינע געשעפטן.

דער איד האט מורא אז עס וועט קומען צוגיין אן אומזעבארע מזיק וואס הייסט 'עין הרע' און אים מזיק זיין, אבער מיר ווייסן דאך אז קיין איינער קען נישט מזיק זיין א מענטש און ווי עס איז דער לשון פון דעם רבי'ן אין חובת הלבבות: **שאין כל כוח בעולם שיכול להועיל או להזיק שלא ברצון הבורא!**

אויב אזוי, פון וואס איז דא מורא צו האבן?

דער זעלבער געדאנק חזר'ט זיך איבער אין דער זעקסטער שער פון שער הבטחון וואו עס ווערט אויסגעשמועסט די חילוקים פון א בעל בטחון צו איינער וואס איז נאכנישט אנגעקומען צו די דרגה פון זיין א בעל בטחון. ביי יענער שטיקל וועט דער רבי שרייבן אז די סארט פחדים אז איינער קען מיר מזיק זיין, אדער פוגע זיין אין מיין ממון, טרעפט זיך ביי אזאנע וואס האבן נישט קיין בטחון.

דער 'פת לחם' אויפ'ן ארט באנוצט זיך מיט דער משל פון עין הרע, אז דער מענטש האט מורא אז א צווייטער וועט אריינלייגן אין אים אן עין הרע.

נאר ביי אזא איינער קען זיך טרעפן אז ער זאל לעבן אין פחד פון אן עין הרע, אז עס קען אים אנטון שאדן, ווייל א איד וואס גלייבט אז אלעס איז פון אויבן און אז קיין איינער קען אים נישט שעדיגן, אויב עס איז נישט אנגעשריבן פון אויבן, האט נישט מורא דערפון.

צי מיינט עס אז עס נישט דא אזא זאך ווי עין הרע? אז דער געדאנק פון עין הרע איז אן אויסטערף פון די שוואכע בעלי אמונה? נישט ממש, נאר וואס יא? לאמיר דא מאכן א שטיקל סדר אין די סוגיא פון עין הרע.

עס איז קלאר אז עס איז דא אזא זאך. מיר ווייסן עס ווייל עס ווערט אסאך מאל דערמאנט אין חז"ל, אבער דאס איז בעיקר אז מיר זאלן עס נישט אריינגעבן ביי א צווייטן, נאר אז מיר זאלן פארגינען פאר א צווייטן.

אזוי אויך איז עס פאר אונז, אז מיר זאלן אכטונג געבן נישט צו טון פעולות וואס שטעכט אויס יענעמס אויג און איז גורם אז דער אנדערער זאל אריינלייגן אין אונז אן עין הרע, אבער אין די רגע אז מיר האבן געטון די דערמאנטע פעולות, האבן מיר נישט וואס צו זארגן אז עס גייט אונז שאדן אן עין הרע, נאר מען דארף האבן בטחון אין הקב"ה אז ער היט אונז אפ פון אלע שלעכטס.

אז מען וועט אריינקוקן אין חובת הלבבות וועט מען נישט טרעפן אין קיין שום ארט א רמז אז מען דארף זיך זארגן איבער עין הרע - ווייל עס איז נישט דא אזאנע רמזים, ווייל דאס גייט אריין אין כלל פון אלע מזיקים, און אזוי ווי דו גלייבסט אז הקב"ה היט דיר אפ פון אלע אנדערע מזיקים - גלייב אויך אז ער היט דיר אפ פון דעם.

אז מיר ווייסן שוין אז ווען איינער לויבט אונז אויס אויף א געוויסע מעלה וואס מיר האבן, קומט נישט אריין דארט צו זאגן די ווערטער 'בלי עין הרע', שטעלט זיך די שאלה ווי אזוי װעלן מיר יא רעאגירן צו אזא אויסדרוק? די תשובה דערצו איז אז מיר וועלן מייחס זיין די הצלחה צו הקב"ה און אים אפגעבן די לויב און דאנק.

ווען א איד איז מייחס זיין הצלחה צום בורא כל העולמים לייגט ער זיך אריין אין די הענט פון הקב"ה אז ער היט אים, און דאן פאלט ער אריין אונטער די שאדן פון דעם בורא כל העולמים, און ווי מען זאגט אין תהלים [צא] אומר לה' מחסי ומצודתי, ווייל ער איז אונזער שומר, אויך פון א שלעכט אויג.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין געהאלפן צו ווערן מיט אלע ישועות און ברכות.

[ארויסגענומען פון שיעור 241 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### נישטא אזא זאך ווי אן אומגעענטפערטער קאלל צום אויבערשטן

פון די פראגעס וואס אידן האלטן אין איין פרעגן און ווילן פארשטיין איז די נושא פון תפילה.

"עס גייט נישט אדורך א טאג וואס איך דאווען נישט פאר דעם, איך בעט הקב"ה אז איך זאל געהאלפן ווערן מיט א שידוך, אבער די שידוך קומט נישט אן".

דער איד טענה'ט אז ער בעט און בעט און ער שפירט נישט אז זיינע תפילות ווערן געענטפערט.

עס איז דא אידן וואס טוען עס צוגלייכן צו א טעלעפאן קאלל. ווען איינער רופט איינעם איז דא צומאל ווען ער ווערט געענטפערט גלייך און צומאל ווען קיין איינער ענטפערט נישט די קאלל.

"עס איז דא טעלעפאן קאללס וואס ווערן געענטפערט, עס איז דא אזאנע וואס ווערן נישט געענטפערט", זאגן די אידן און לייגן אריין זייערע תפילות אין די קאטעגאריע פון די אומגעענטפערטע קאללס.

צי איז עס טאקע אזוי? צי איז דא תפילות וואס ווערן פארפאלן? ניין! זיכער אז נישט, עס איז נישט דא אזא זאך.

מיר אליין וועלן דריי מאל א טאג אויסשרייען אז אזא זאך איז נישט דא, ביי שומע תפילה זאגן מיר טעגליך 'כי אתה שומע תפילת כל פה' און ערקלערן אז עס איז נישט דא אזא זאך.

נאר וואס דען? עס איז דא אמאל וואס הקב"ה הערט גלייך אויס די תפילה, עס איז דא צומאל ווען הקב"ה זאגט אז איך וויל נאך אמאל הערן דיין געבעט, איך האב ליב דיין דאווענען, איך וויל עס נאך אמאל הערן.

די גמרא אין מסכת ברכות [דף לב ע"ב] באציט זיך צו די שאלה און זאגט אז ווען מען הערט נישט אויס די תפילה פון א איד זאל ער דאווענען איינמאל און נאכאמאל, און ווי עס איז דער הייליגער לשון פון חז"ל: אמר רבי חמא ברבי חנינא, אם ראה אדם שהתפלל ולא נענה יחזור ויתפלל.

און דאס איז ווי געזאגט, ווייל הקב"ה גלוסט צו די תפילות פון א איד, ווי עס איז געווען ביי די אמהות אז זיי זענען געווען עקרות און חז"ל זענען מגלה אז דאס איז געווען ווייל הקב"ה האט געגלוסט צו זייער תפילה.

אויך ווען מען זעט בחוש אז די תפילה האט נישט געהאלפן, ווי אז א איד גייט אוועק פון די וועלט קינדערלאז אדער אז א קראנקער שטארבט חלילה, דארף מען גלייבן אז די תפילה איז נישט געגאנגען לאיבוד.

א הייליגער און א חשוב'ער יסוד לערנט אונז אויס דער הייליגער דגל מחנה אפרים. דער יסוד ברענגט ער אראפ בשם זיין זיידע דער הייליגער בעל שם טוב הק' [הפטרת כי תצא]. ער זאגט אז אויב דו זעסט נישט מיט דיינע אויגן ווי אזוי די ישועה האט געהאלפן בדרך הטבע, איז א סימן אז עס איז אנגעקומען העכער ווי די טבע, אין אן ארט וואו מיר קענען נישט זען.

און דאס איז זיין הייליגער לשון: "כל התפילות עושים פעולה בעולמות העליונים ולפעמים בקצה הארץ, שנעשה מזה דברים נוראים ברומו של עולמות, ובני אדם סוברים שלא נתקבלו תפילתן, לכן מזלזלין בהם... התפילות אשר אתה סובר שהם שוממים עושים פעולות גדולות יותר מראייתך הגשמית".

יעדע תפילה ווערט נתקבל און אויב עס ווערט נישט געענטפערט - בעט נאכאמאל, ווייל דער רבוש"ע וויל הערן דיין קול און אפילו אז דו זעסט נישט ווי אזוי עס ווערט מקויים - ווייס אז עס טוט גוט מיט דיר און מיט דיין משפחה און מיט די גאנצע וועלט.

גוט שבת
**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אויסטראליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א דאפעלטער פארדינסט

עס דערציילט א יונגערמאן פון ירושלים:

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך געזען אז איך א געוויסער גלעזער [ברילן] געשעפט איז דא א גוטע סעיל פאר גלעזער.

אין די רעקלאמע איז געשטאנען אז מען קען קויפן איין גלעזער און מען באקומט די צווייטע גענצליך אומזינסט, ווי מען רופט עס דאהי 1+1.

שטייענדיג אין א צייט ווען סיי איך און סיי מיין בני בית דארפן האבן גלעזער זענען מיר צוזאמען אריבער אין די געשעפט און זיך באשטעלט גלעזער. מיר האבן באצאלט די געפאדערטע פרייז אבער גלייך נאכ'ן באצאלן האב איך געהערט אז איידער מען באקומט די נייע גלעזער דארף מען מאכן א טעסט און די טעסט אויפ'ן ארט, וואס איז אריינגערעכנט אין די סעיל, ווערט געמאכט דורך א פרוי.

עס קען זיין אז הלכה'דיג מעג מען, אבער איך האב געוואלט מחמיר זיין, איך האב געזאגט אז איך וועל גיין מאכן די טעסט ערגעץ אנדערש און שפעטער וועל איך זיך צוריקקערן דא מיט די רעזולטאטן און בעטן אז מען זאל עס אריינלייגן אין די נייע גלעזער.

די טעסט אין אן צווייטן ארט האט מיר געקאסט די סומע פון 250 שקל. אויפ'ן ארט האט אויסגעזען אז איך האב דערלייגט, אז די גאנצע זאך איז נישט געווען ווערד, אבער שפעטער האט מען מיר געוויזן פון הימל אז עס איז נישט אזוי.

אין יענע צייט האב איך פון אן אומדערווארטעטער ארט פארדינט די סומע פון 500 שקל.

איך בין ארויס מיט א דאפלטע ריווח.

## אַן ענוועלאפ צו העלפן אן ארימער איד חתונה מאכן זיין קינד

עס דערציילט הרב הגאון רבי משה נחשוני שליט"א, דער רב פון די חרדישע קהילה אין ראשון לציון:

מיט אביסל מער ווי דריי חדשים צוריק האב איך פארלוירן מיין פרוי מרת שרה נחשוני ע"ה.

זי איז געווען א חשוב'ע פרוי, אן אשה צדקנית אין פולן זין פון ווארט. פון ווען זי איז אוועק פון די וועלט וואוין איך אליין אין מיין שטוב.

מיט צוויי וואכן צוריק, אין די נאכט פון ו' טבת, האב איך זיך געלייגט שלאפן אין מיין בעט, ווען אינמיטן די נאכט חלום איך זיך ווי זי קומט צו מיר אין חלום. זי איז נישט געקומען אליינס, מיט איר איז געווען נאך א פרוי.

## די 'מאנדלען' זענען אוועק

עס רעדט דא ניסים אלקיים פון די געגענט אחיסמך אין די שטאט לוד:

איך בין דא מיטצוטיילן א מורא'דיגע מעשה וואס האט פאסירט מיט מיר.

אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט א יאר צוריק ווען איך האב אנגעהויבן באקומען שוועריגקייטן אין רעדן. זעענדיג אז עס גייט נישט אוועק, בין איך געגאנגען צו א לאקאלער דאקטאר אויף אן אונטערזוכונג.

דער דאקטאר האט מיר אונטערזוכט און נאך א שנעלע דיאגנאזיע האט ער מיר געשיקט צו א דאקטאר וואס טוט אין דעם הינזיכט. איך בין אנגעקומען צו יענער דאקטאר און ער האט מיר אונטערגעזוכט און באשטעטיגט אז עס האט זיך ארויפגעזעצט א מאנדל וואס מען רופט א פאליפ אויף די שטים בענדער.

"דו וועסט מוזן אריבערגיין אן אפעראציע עס אוועקצונעמען", האט ער איבערגעגעבן זיין דיאגנאזיע.

עס איז מיר שלעכט געווארן. מען רעדט פון א שווערע אפעראציע, נאך די אפעראציע טאר מען נישט רעדן דריי טעג און אסאך מאל ציט זיך עס לענגער, ביז ווען מען קומט צוריק צו איר געדיווערטער צייט.

איך האב געפרעגט דעם דאקטאר צי עס ברענט אויף יעצט, ער האט געזאגט אז עס קען ווארטן א האלב יאר. איך האב באשלאסן אז איך גיי ווארטן און נאך א האלב יאר ארום וועל איך נאכאמאל קומען צו גיין אויף אן אפויטמענט.

ווען איך בין געקומען נאכאמאל אין א האלב יאר ארום האט דער דאקטאר געזאגט אז עס האט זיך פארערגערט און מיר רעקעמאנדירט שוין צו מאכן די אפעראציע.

ארויסגייענדיג פון דעם דאקטאר האב איך געטראכט צו מיר אז איך האב אזויפיל געבעטן פאר דעם און איינגעריסן. וואס האב איך געמיינט, אז איך בין ווערד א נס? איך האב ממשיך געווען צו דאווענען אבער מער ווי איך האב געדאווענט האב איך מקבל געווען אויף מיר דעם דין.

עס איז אנגעקומען די צייט פון די אפעראציע, איך האב געדאווענט און געפאסט - ווי די אנווייזונג איז, און זיך געגרייט אריבערצוגיין די אפעראציע.

אנקומענדיג אין שפיטאל בין איך אריבער א רייע פון טעסטן אין גרייטונג צו די אפעראציע, מען האט זיך שוין געגרייט מיר אריינצופירן אין די אפעראציע צימער ווען דער דאקטאר רופט זיך אן צו מיר.

"לאמיר הערן דיין קול....".

איך האב געגעבן א רעד און ער קוקט מיר אן מיט וואונדער.

"עס איז דא א טויש".

ער האט מיר געבעטן איך זאל ארויפקומען צו אים אין צימער אויף אן אונטערזוכונג. מען האט מיר אונטערגעזוכט מיט א ספעציעלער מאשין און די מאשינען האבן געוויזן אז איך בין גענצליך ריין.

"דער פאליפ איז אוועק". האט דער דער דאקטאר אויסגערופן באגייסטערט.

"עס איז א זעלטענער זאך, עס געשעט איינמאל אין צען יאר, אבער היינט האט עס פאסירט".

נאך יענעם טאג בין איך באפרייט געווארן פון שפיטאל, און זיך מער נישט געדארפט אומקערן אהין.

## א שבת'דיגער שטריימל אין קיווו

עס דערציילט הרב אלעזר גראסמאן שליט"א:

מיט א שטיק צייט צוריק האט זיך מיין זון ר' משה שיחי' ארויסגעלאזט קיין אוקראיינע מיט א קבוצה פון אינגעלייט. זיי זענען דארט ארומגעפארן צו קברי צדיקים און זיך אויסגעבעטן אלעס גוטס למען הכלל והפרט.

זיי זענען דארט געווען אין די וואכענטעג, און דער פלאן איז געווען אז דאנערשטאג נאכט וועלן זיי צוריק אהיימקומען קיין ארץ ישראל. יענעם דאנערשטאג אינדערפרי האבן זיי ארויסגעדינגען א טעקסי דרייווער וואס זאל זיי נעמען צום לופטפעלד און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

זיי זענען ארויס באצייטנס צום לופטפעלד, אבער נאך זייענדיג אינמיטן וועג האט זיי באגעגנט א שרעקליכע טרעפיק און גארנישט האט זיך נישט גערירט.

די טרעפיק האט זיי געהאלטן אויפ'ן וועג און עטליכע שעה און ווען זיי זענען סוף כל סוף אנגעקומען צו די עירפארט האט מען זיי מודיע געווען אז די פליגער איז שוין

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

פון טיפן הארץ וויל איך ענק באדאנקען פאר די הערליכע און באלערנדע גליון וואס איר געבט ארויס. איך וואוין אין א ווייטער ישוב און די גליון קומט אן דא און עס איז מיר ממש מחיה. איך לייען עס און איך געב עס פאר אנדערע און אלע האבן הנאה. די גליון געבט אונז כוחות, עס שטארקט אונז, איר האט א מורא'דיגער זכות, גייט'ס ווייטער אן מיט ענקערע מעשים און איר זאלט זען א ברכה אין אייערע מעשים.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

איך שיק דא אריין דאס געלט וואס איך האב זיך אונטערגענומען צו געבן און כ'וויל דא אויך ארויסשרייבן די ישועה וואס איך האב געהאט. עס איז געווען מיט א שטיק צייט צוריק ווען איך האב זיך איינגעקויפט א דירה מיט'ן גרונד אז איך גיי ארויסנעמען אויף איר א מארגעדזש. איך האב באשטעלט א מארגעדזש אבער עס האט זיך געשלעפט און געשלעפט. עס איז אריבער גאנצע זיבן חדשים פון ווען איך בין אריין אין די משא ומתן פון דער מארגעדזש און עס איז נישט אנגעקומען. איך האב צוגעזאגט געלט לזכות מיין ישועה פאר די מכון, גלייבנדיג אז א זכות אין טון פאר אידן וועגן אמונה וועט זיכער העלפן. עס איז נישט אריבער קיין צוויי טעג און איך האב דערהאלטן א באשטעטיגונג פון די באנק אז מיין מארגעדזש איז באשטעטיגט אויף אזויפיל ווי זיבעציג פראצענט פון די דירה. הודו לה' כי טוב.

פארשפארט, אז זיי האבן נישט קיין שאנס צו פארן מיט איר.

מיין זון איז דארט געווען מיט נאך א איד, די אנדערע איידן זענען געפארן פריער, און זיי זענען געבליבן שטיין דארט פארלוירן און צעמישט. זיי האבן זיך נישט געקריגט אויף אזא זאך, דער פלאן איז געווען צו זיין שבת אין קיעוו און דא אזא דורכפאל.

וואו וועלן זיי זיין? זוכנדיג א לעזונג האט זיי אן אמעריקאנער איד באגעגנט. הערנדיג וואס עס גייט פאר און אז זיי זענען דא געבליבן שטעקן האט ער זיך דערבארעמט אויף זיי און זיי געפרעגט מיט וואס ער קען זיי העלפן. דער איד איז געווען אויפן וועג אהיים קיין אמעריקע און זענענדיג די הילפלאזע אידן שטייען דא, האט ער זיי אוועקגעגעבן זיין שבת'דיגע בעקיטשע.

"כאטש זאלט איר האבן א בעקיטשע אויף שבת".

זיי האבן שוין געהאט איין בעקיטשע אויף שבת און געשמועסט צווישן זיך ווי אזוי איינער וועט זיך איינטיילן מיט'ן צווייטן מיט די בעקיטשע, איינער וועט עס האבן ביינאכט, דער צווייטער בייטאג, אבער וואס טוט מען דא ווייטער.

עס איז אריבער א שטיק צייט און זיי האבן נאכאמאל געזען א פרישע אידישע צורה, דאסמאל איז עס געווען דער בארימטער אידישער עסקן הרב הלל כהן. ר' הלל האט גלייך פארשטאנען וואס דא גייט פאר, און אלץ קיעווער אייוואוינער האט ער זיי איינגעלאדענט אויף שבת און דערציילט איבער אן אויסטערלישע 'השגחה פרטית' וואס ער האט יעצט געהאט.

"די שבת מאך איך די בר מצוה פון מיין זון. איך האב באשטעלט פלעצער פאר אלע געסט אין די לאקאלע האטעל, אלע זענען אנגעקומען אויסער איינער, איר קענט איבערנעמען יענעמ'ס פלאץ".

ר' הלל האט זיי צוגעפירט צו די האטעל און זיי איינגעלאדענט אז זיי זאלן עסן מיט אים די סעודות פון שבת.

אלעס איז שוין געווען סארטירט מיט איין אויסנאם, זיי האבן געהאט וואו צו זיין, א מנין, עסן, אבער עס האט זיי נאך געפעלט בגדי שבת, אבער אויך פאר דעם האט מען גע'דאגה'ט פאר זיי.

דאס האט זיך אנגעהויבן נאך דעם וואס דער זון פון ר' אלעזר האט אריינגעקלינגען זיין פאטער ערב שבת און אים מיטגעטיילט מיט די אנטוויקלונג.

"אבער ווי אזוי וועל איך גיין וואכנדיג אנגעטון אין שבת, אפילו ווען תשעה באב געפאלט אין שבת, גייט מען שבת'דיג".

זיין טענה האט אים באריררט און ר' אלעזר האט זיך דערמאנט אז ער האט א גוטער פריינט מיט'ן נאמען ר' בנימין גוטפטארב שליט"א, וועלכער האט יארן לאנג געדינט אלץ מנהל אין די ארטיגע תלמיד תורה און ער איז אצינד אין ארץ ישראל, אפשר וועט ער האבן עפעס א געדאנק פאר אים.

ווען ר' בנימין האט געהערט פון וואס עס רעדט זיך האט ער אים בארואיגט אז זיכער קען ער אים העלפן.

וואו שטייען זיי איין? אין דער אידישער האטעל פון קיעוו?

ווען די פרט איז געווארן באשטעטיגט האט ער אים געהייסן אראפגיין אונטן אין די פארקינג לאט און אויפזוכן א בלויע וואלווא קאר און עס עפענען.

"איינווייניג אין איר ליגט א שטריימל מיט א בעקיטשע".

די אידן האבן זיך געריבן די אויערן צו זיי הערן גוט. נישט וועלנדיג ארויסלאזן די געלעגנהייט פון טאש זענען זיי ווירקליך אראפ אהין און וואונדער! זיי האבן דארט געטראפן א שטריימל, א בעקיטשע.

יעצט האבן זיי געוואלט הערן פון ר' בנימין וואס איז דא געשען? פון וואו האט ער א שטריימל און א בעקיטשע אין קיעוו.

"איך האב אפגעלאזט קיעוו מיט עטליכע יאר צוריק, אבער פון ווען איך האב עס אפגעלאזט וועל איך אהינפארן פון צייט צו צייט. נישט וועלנדיג דאריפן מיטשלעפן מיט מיר זאכן יעדע'ס מאל איך פאר אהין, האב איך באשלאסן אז איך גיי זיך איינקויפן א שבת'דיגע סעט און עס לאזן דארט. איך האב דארט אויך א קאר און כ'האב דאס אויך געלאזט דארט און אין די קאר, האב איך איבערגעלאזט די סעט פון זאכן".

און ר' בנימין האט ממשיך געווען אז די לעצטע מאל ווען ער איז געווען דארט האט די קאר געמאכט פראבלעמען. ער האט שוין נישט געהאט קיין צייט צו בלייבן דארט, האט ער געבעטן פון אן ארטיגער אז ער זאל אים ערלעדיגן א טעכניקער וואס זאל קומען פאררעכטן די קאר און אז יענער זאל קענען פאררעכטען וואס ער דארף, האט ער איבערגעלאזט די קאר אפען.

"יעצט זעה איך שוין פארוואס איך האב עס געלאזט אפען". האט ר' בנימין אויסגעפירט.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די יונגעלייט האבן טאקע געדארפט אריבערגיין שוועריגקייטן אבער עס איז אויך אין די זעלבע צייט געווען אויסגערעכנט אז זייענדיג דארט זאלן זיי האבן - אלעס וואס זיי דארפן האבן צו זיין דארט אויף שבת.

ביידע פרויען האבן נישט געקענט, זיי האבן ביידע אנגעוויזן אויף די ספרים שאפע און לויט די אנווייזונגען וואס זיי האבן געגעבן האט אויסגעזען אז זיי ווילן אז איך זאל מאכן סדר אין די שאפע.

עס איז געווען מאדנע. איך בין נישט קיין פאנטאזירער, אבער די מעשה האט אויסגעזען עכט, אבער איך האב זיך אויסגעלאכט פון דעם חלום, און דעם קומענדיגן טאג האב איך ממשיך געווען מיט מיין סדר היום כאילו לא היה.

פארנאכטס האב איך באשלאסן אז איך גיי כאפן א בליק און וואס קען שוין זיין אין די שאפע. איך מיש אזוי ארום און מיטאמאל טרעף איך אז עס ליגט דארט א טשעק.

מיטאמאל האט זיך דער בילד צוזאמענגעשטעלט. מיט א שטיק צייט צוריק האט א איד מיר געגעבן א טשעק אז איך זאל עס איבערגעבן פאר א צווייטן איד. עס איז געווען צדקה געלט וואס איך האב געדארפט געבן פאר אן ארימער איד וואס האט חתונה געמאכט אין יענער צייט.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די צווייטע פרוי איז געווען די באבע פון די כלה, און די משפחה איז געווען זייער אנגעוויזן אויף דאס געלט.

ווען איך האב דאס געכאפט, בין איך געווארן דערציטערט. איך האב קלאר געזען אז עס איז דא דער יד השם, און איבער דער קשר פון יענע וועלט צו די וועלט.

זאל דער פרסום פון די מעשה זיין לעילוי נשמתה.

## פתיחת שערים ביים טרעפיק לעקטער

ברוך השם אז איך האב זוכה געווען קובע צו זיין א שיעור פאר'ן דאווענען. ווען מען לערנט פאר'ן דאווענען האט דער דאווענען אן אנדערע פנים.

פון מיין שטוב ביז צו די כולל וואו איך לערן איז א שטיקל מהלך און ווענגן דעם וועל איך זיך באנוצן מיט א באס. יענעם אינדערפרי האב איך אביסל געשפעטיגט, ווען איך בין אנגעקומען איז שוין דער באס געווען אוועקגעפארן.

איך האב געזען דער באס פונדערווייטענס, אבער איך האב עס נישט געקענט כאפן.

איך האב געוואוסט אז אויב כ'וועל ווארטן אויף די נעקסטע באס וועל איך דערלייגן די צייט פון לערנען פאר'ן דאווענען, אבער איך האב נישט געהאט קיין ברירה.

אינמיטן האב איך געזען ווי דער באס שטייט ביים טרעפיק ליכט. געווענליך וועט דער באס נישט עפענען זיין טיר ביז די קומענדיגע סטאנציע, אבער זייענדיג געדרוקט צו אנקומען צום לערנען, האב איך פראבירט מיין מזל.

איך האב געזען ווי דער דרייווער וואקלט זיך, אבער ענדע האט ער געעפנט.

עס איז געווען פאר מיר א ווינק פון הימל איבער די חשיבות פון לערנען פאר'ן דאווענען.


# מפיצים אמונה לכל יהודי בכל העולם

**שכונה שלימה נתרמה לזכות**

פייגא בת מרים אסתר - גולדא בת מרים אסתר - חיים יהושע בן מרים

אסתר רייזל בת מרים אסתר - **שיזכו לזיווג הגון בקרוב ממש**



**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג**
**אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** | דריקט 6

**העברה לבנק לאומי**
סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר**
לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס**
ע"ש השגחה פרטית

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### דער בעל האמונה רעדט נאר אמת

**דער הייליגער צדיק רבי פנחס קאריצער אין ספר אמרי פנחס שער אמת ואמונה אות לז:**

דער עיקר פון א איד איז אמונה! דער איד דארף גלייבן אז אלע געשעענישן און הנהגות וואס געשען אויף די וועלט קומט פונעם אויבערשטן און אלעס איז מיט השגחה פרטית. מוהר"ר רפאל ז"ל פלעגט דערמאנען וואס די גמרא שרייבט [מכות כד.] בא חבקוק והעמידן על אחת וצדיק באמונתו יחיה [חבקוק ב. ד.] און פרעגן וואס איז דער לשון פון 'והעמידן'? נאר, עס שטייט אין אותיות דרבי עקיבא {נוסח ב): "שקר אין לו רגליים" אז שקר האט נישט קיין פיס. דאגעגען זאגן מיר 'אמת ואמונה', ווייל ווער עס זאגט אמת האט פיס, ער האט אמונה אין השי"ת, מה שאין כן דער וואס זאגט שקר, ווי דער רב ז"ל פלעגט אייביג זאגן, אז די גרויסע שקרנים האבן הרהורים פון עבודה זרה, וועגן דעם זאגט ער דער לשון פון 'והעמידן', ווייל ווער עס האט אמונה רעדט זיכער אמת און ווער עס רעדט אמת שטייט אויף זיינע פיס.

### פארוואס איז היינטיגע צייטן דא אזא חסרון אין די אמונה?

**דער בעל אור לציון אין ספר חכמה ומוסר עמוד רלא:**

מען דארף זיך מתבונן זיין פארוואס איז היינטיגע צייטן דא אזא חסרון אין אמונה. עס קען זיין אז עס נעמט זיך פון דעם אז אמאליגע צייטן האט מען נישט געלעבט אויף אזא הויכער סטיל בגשמיות, מען האט געלעבט איינגעצוימטער, עס איז נישט געווען קיין באאמטע, קיין איינגעשטעלטע וואס זענען זיך מתפרנס פון דעם ציבור, דער רוב איז געווען ביזנעסלייט. ווען מען האט געעפענט די געשעפט אינדערפרי האט מען געזאגט 'בשם ה' נעשה ונצליח'. מען האט זיך פארלאזט אויפ'ן בורא עולם, די אמונה איז געווען ריינער, אנדערש איז היינטיגע צייטן, דער מענטש באקומט געהאלט פון אנדערע און וועגן דעם פארלירט ער שנעלער זיין יראת שמים, זיין אמונה.

### האבן בטחון איז א יסוד פון די תורה הק'

**רבי אברהם בן הרמב"ם אין ספר המספיק לעובדי ה':**

דער בטחון אין ה' יתעלה שמו איז איינס פו די דערהויבענע מידות אין די תורה, עס איז פון די יסודי התורה, און ווייל זי איז איינס פון די יסודות איז קיין איינער נישט חולק אויף איר און עס איז שגור אויפ'ן לשון, אפילו ביי די בעלי סגולה, אויך די ספרי הנביאים זענען פול מיט איר, אויך די פסוקי התורה צייגן אן אויף איר. עס איז גענוג אז מיר זאלן דערמאנען דער פסוק אין די תורה (דברים (ח' ג') "כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם". אויך די ציווי אז אין די שמיטה יארן זאל מען זיך מחזק זיין און זיך מונע זיין פון איינזייען און שניידן נאר מפקיר זיין די פעלד. אויך דאס איז געבויט אויף בטחון ווי עס איז די לשון התורה (ויקרא כה, כ-כא) "וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית הן לא נזרע ולא נאסף את תבואתנו וצוויתי את ברכתי לכם" וכו'.

דער עיקר פון בטחון איז זיך מחזק זיין אין די אמונה אז דער אויבערשטער איז דער בורא ומפרנס, דער מחיה וממית, דער מחליא ומרפא, דער וואס מאכט רייך און ארעם, און אז אלע געשעענישן פון די וועלט סיי די כללות'דיגע, סיי די פרטיות'דיגע קומען צוריק צו אים און ער באשאפט זיי און איז גוזר אויף זיי און איז זיי מוציא לפועל.

> #### מכוון זיין די הארץ צום טאטן אין הימל
>
> **שאלו תלמידיו את רבי שמעון בן יוחי: מפני מה לא ירד להם לישראל מן** במדבר **פעם אחת בשנה** לצורך כל השנה?
>
> **אמר להם: אמשול לכם משל למה הדבר דומה, למלך בשר ודם שיש לו בן אחד, פסק** הקציב **לו מזונותיו פעם אחת בשנה, ולא היה מקביל** פני אביו **אלא פעם אחת בשנה. עמד ופסק מזונותיו בכל יום, והיה מקביל פני אביו כל יום.**
>
> **אף ישראל** כן, **מי שיש לו ארבעה וחמישה בנים, היה דואג ואומר: שמא לא ירד מן למחר, ונמצאו כולן מתים ברעב. נמצאו כולן מכוונים את ליבם לאביהן שבשמיים.**
>
> (מסכת יומא דף עו ע"א)

## א פינטעלע ליכטיגקייט
### אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

אין די עלטערע יארן איז מיין טאטע ז"ל געווען זייער נישט געזונט. ער האט געליטן אסאך יסורים און האט געהאט ווייטאגן אויף זיין גאנצע קערפער, אבער די מערסטע האט ער געהאט צו טון מיט די פיס.

אסאך מאל זענען די יסורים געווארן אומדערטרעגליך. וואס פלעגט ער טון אין אזא צייט? ער פלעגט אנהייבן צו זינגען א ניגון.

מיט די ניגון פלעגט ער בארואיגן זיינע ווייטאגן.

אויך איך פיר זיך אזוי. איך האב אמאל געהאט זייער א שווערע צייט, איך האב געליטן אסאך יסורים און זענדיג אז עס גייט נישט אוועק האב איך אנגעהויבן זינגען.

אין יענער צייט האב איך זיך אונטערגעזינגען די פאלגענדע ווערטער "מוסר ה' בני אל תמאס, ואל תקוץ בתוכחתו, כי את אשר יאהב ה' יוכיח, וכאב את בן ירצה".

און עס האט מיר מחיה געווען, איך האב ממש נישט געשפירט די יסורים.

מיר דארפן וויסן אז א ניגון איז א גרויסע מתנה, עס איז א גוטער וועג אריינצוברענגען אין אונז חיות און אונז ערהוילן פון אלע שוועריגקייטן.

ווי זאגט מען נאך הלל:

"כי לך טוב להודות ולשמך נאה לזמר".

די ניגון האט אין זיך א כח, עס קען דערוועקן דער זעהל פון א מענטש, עס וועקט אויף אין אים די בטחון אין הקב"ה, עס פולט אן דער זעהל מיט האפענונג און וועגן דעם איז עס א גוטער היילונג צו אסאך מחלות.

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד
### דער ניגון מיט איר כח

אין ספר מנורת המאור ברענגט ער אראפ מורא'דיגע ווערטער בנוגע די כח פון בטחון בשם, וואס מען קען אלץ אויפטון מיט איר.

פאלגענד זענען זיינע הייליגע ווערטער:

"הבוטח בהקב"ה ומסלק ביטחונו מאלו הדברים שאמרתי (שבוטח בחוכמתו או בעושרו או בגבורתו או בקרוביו), לא די לו שיעשה הקב"ה רצונו, ועומד בברכה, אלא חונן אותו באלו הדברים. כיצד? אם אינו חכם, הקב"ה מחכימו. אם אינו גיבור, הקב"ה מחזיק בידו ומאמץ את לבבו. אם אינו עשיר, הקב"ה מעשירו. ואם הוא בארץ אחרת מובדל מקרוביו, הקב"ה מקרב אותו".

מען זעט דא די כח פון בטחון. אז מען האט בטחון קען דער מענטש ווערן איבערגעדרייט פון א טיפש צו א חכם, פון א שוואכער צו א שטארקער, פון אן ארעמאן צו א רייכער, ער קען זוכה זיין צו ווערן נאנט צו השי"ת.

און צו אמת'ע בטחון קומט מען אן דורך תפילה, מען דארף בעטן און בעטן אן א שיעור און אן א גבול און מען וועט אנקומען וואו מען וויל.

מען דארף אריינהארעווען אין תפילה, ווייל אלעס קען ווערן מסודר דורך תפילה.

ווען א איד וואלט געוואוסט אפצושאצן די כח וואס ער האט דורך תפילה, וואלט ער זיכער בעסער געדאווענט.

לאמיר זיין פון די וואס זענען מקיים וואס דער פסוק זאגט 'קחו עמכם דברים' און זען ישועות אין אלע ענינים.


תגובות המצטרפים

לכבוד השליחים הטובים מערכת "השגחה פרטית", שלום וברכה!
התחלנו את המנוי למגזין לפני כחצי שנה, ומאז "התמנינו" להיות בוטחים ומאמינים בהקב"ה ביתר שאת וביתר עוז. זכינו להתחזק יחד, וברוך ה' מאז גם זכינו לראות ישועות.
תודה גדולה על ההשקעה המרובה במגזין המיוחד, התכנים ממש מדהימים.

**זכיתם! ואתם שליחים טובים להפיץ את אור האמונה, ומגלגלין זכות ע"י זכאי - ה' הטוב יתן לכם הלאה כח בשליחות המיוחדת!**

ח. פ. - חיפה

גם אתם מכניסים את האור הביתה

הצטרפו היום, ותראו איך שהרוגע והשלווה מגיעים לכל בני הבית

התקשרו עכשיו
61767* שלוחה 3

או בעמדות 'נדרים פלוס' על-שם 'מגזין השגחה פרטית'




עדיין יש את אפשרות לקבל את כל המגזינים שיצאו עד עתה
במתנה
שאלו את המוקדן